7 רשות, נישט ווי אַ געבאָט. איך וואָלט געוואָלט,
אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין ווי איך בין אַליין. נאָר
יעדער איינער האָט זיין אייגענע מתנה פון ג־ט,
דער אַזוי, און דער אַזוי.
8 און צו די נישט־חתונה־געהאַטע און צו די אלמנות
זאָג איך: עס איז גוט פאַר זיי צו בלייבן אַזוי, ווי איך
9 בין. נאָר אויב זיי קענען זיך נישט איינהאַלטן, זאָלן
זיי חתונה האָבן; וואָרום עס איז בעסער חתונה־צו־
10 האָבן ווי צו ברענען (פון תאווה). און די פאַרהייראַטע
זאָג איך אָן, נישט איך, נאָר דער האַר, אַז אַ פרוי זאָל
11 זיך נישט אָפּשיידן פונעם מאַן; נאָר אויב זי האָט זיך
געשיידט, זאָל זי בלייבן נישט־פאַרהייראַט, אָדער
זיך איבערבעטן מיטן מאַן; און אַ מאַן זאָל נישט
12 פאַרלאָזן זיין ווייב. צו די איבעריקע אָבער זאָג
איך, נישט דער האַר, אויב אַ ברודער האָט אַן
אומגלויביקע ווייב, און זי איז מסכים צו וואוינען
13 מיט אים, זאָל ער זי נישט פאַרלאָזן. און אויב אַ
פרוי האָט אַן אומגלויביקן מאַן, און ער שטימט
איין מיט איר צו וואוינען, זאָל זי נישט פאַרלאָזן
14 דעם מאַן. וואָרום דער אומגלויביקער מאַן ווערט
געהייליקט דורך דער פרוי, און די אומגלויביקע
פרוי ווערט געהייליקט דורך דעם ברודער; ווייל ווען
נישט, וואָלטן אייערע קינדער געווען טמאים, זיי
15 זענען איצט אָבער הייליק. אויב אָבער דער אומ־
גלויביקער וויל זיך שיידן, זאָל ער זיך שיידן:
אין אַזעלכע פאַלן איז דער ברודער אָדער די שוועס־
טער נישט קנעכטיש־געבונדן; דען ג־ט האָט אייך
16 גערופן (צו לעבן) בשלום. וואָרום וואָס ווייסטו,
פרוי, אפשר וועסטו ראַטעווען דעם מאַן? אָדער
וואָס ווייסטו, מאַן, אפשר וועסטו ראַטעווען דיין
17 ווייב? נאָר ווי דער האַר האָט יעדן צוגעטיילט, ווי